DER KHURBN FUN POMPEI

A. Nietshayev

•



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center


•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BEST COPY AVAILABLE

דער חורבן פון פאמפעיע





יוגנט-ביבליאָטעק „חבר"

א. ניעטשאַיעוו:

דער חורבן פון
פּאָמפּעיע

יידיש מ. ליטוואַק.



— דרוק ט. עטשטיין שטראַשון גאַס 6.

Der chorbun fon pompeje. A. Nieczaiew·

1.

אין גאַנץ איטאַליע, אין דעם וואונדערבאַרן צויבערלאַנד, קען מען ניט געפינען קיין שענערן אָרט, ווי דער נעאַפּאָליטאַנישער ים=איינגוס. דער וואונדערשיינער העל=בלויער הימל שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם בריליאַנטענעם ים. דער ברעג איז באַדעקט מיט אַ פילפאַרביקער סטענגע פון הייזער, ווילעס, ווייַנגערטענער, פּאָמעראַנצן= און אַפּעלסינען=וועלדלעך. הינטער זיי ציט זיך אַ קייט פון בערג, צווישן וועלכע עס הייבט אויף זיין שטאָלצן, גרויען קאָפּ דער וואונדערריז וועזוויוס. זיין שפּיץ רויכערט זיך כמעט שטענדיק. פון צייט צו צייט קומען פאָר שרעקלעכע, צעשטערנדיקע אויסברוכן, וועלכע ברענגען אַ פולשטענדיקן חורבן די אַרומיקע שטעטלעך.

שוין פאַרצייטן איז אָט דאָס ווינקעלע פון אַפּענינער האַלב=אינזל געווען שטאַרק באַוואוינט און באַלעבט. צווישן די קיפּאַריסן און איילבירטביימער זיינען הונדערטערווייז געווען פונאַנדערגעוואָרפן פּראַכטפולע ווילעס, דאַטשעס פון דעם רוימישן אַדל. אַ גאַנצע ריי פון קליינע, וואונדערשיינע שטעטלעך איז געשטאַנען אויף דעם ברעג. ווייט אין ים האָט זיך אַרויסגערוקט מיט זיינע באַדאַנשטאַלטן באַאַי; דער האַפן פון נעאַפּאָל האָט געווימלט מיט טויזנטער שיפן; און צו דרום צו האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט די שטעט: הערקולאַנום, פּאָמפּעיע, סטאַביאַ... הינטער זיי איז, פונקט ווי איצט, געשטאַנען שטאָלץ דער גרייזגרויער וואונדערריז וועזוויוס. מיט זיין צופוסנס האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן סאַמע ים, און מיטן שפּיץ האָט ער זיך פאַרלאָרן אין די וואָלקנס. אין זיין קראַטער איז געוואַקסן גראָז אוןביימער, בהמות האָבן זיך דאָרטן געפּיטערט און באַשיידענע פּאַסטוך=הייזלעך זיינען זיך דאָרטן געשטאַנען... נאָר אָט — שוין פון עטלעכע טעג, ווי פון דער טיפעניש פון באַרג הערט זיך עפּעס אַ שרעקלעך רוישן, און די ערד אַרום כאַפּט אונטערציטערן. דער קראַטער האָט זיך געעפנט און האָט איינגעשלונגען די הייזלעך, בהמות, געוויקסן און מענטשן, וואָס זיינען אויף אים געווען. אַ געדיכטער שוואַרצער רויך און אַ האָגל פון צעגליטע שטיינער פליען אַרויס מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט פון קראַטער. אומרואיק קוקן די מענטשן אויף דעם פלאַמפייערדיקן שפּיץ פון דעם ריז, נאָר קיינער פון זיי קען זיך נאָך ניט פאָרשטעלן אַלע אומגליקן, וואָס די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע שטייען אַזוי רואיק, וועלן דאַרפן אויסשטיין.

פרייליך פאַרברענגען די צייט די איטאַליענער אַן שפּילן און זינגען

פאַרשטעלונגען און האָבן גאָר קיין אַנונג ניט, אַז אַט דאָס וואונדערשיינס ערדווינקעלע מיט אַלע זיינע פראַכטפולע געביידעס און פּילצאָליקע באַפעלקע־רונג וועט אין איין מינוט באַגראָבן ווערן אונטער בערג פון אַש.

און ניט נאָר די שפּירן ניט קיין געפאַר — אַט די איינוואוינער פון די רוישיקע שטעטלעך, נאָר זייער לעבן שטרוימט איצט נאָך פרייליכער און זאָרגלאָזער. אין פּאָמפּעיע אויפן שטאָטפּלאַץ באַמערקט זיך אַ שטאַרקע באַלעבונג: מאָרגן דאַרף זיין אַ פאָרשטעלונג אין צירק. די פאָרשטעלונג אָרדנט איין אויף זיין אייגענעם חשבון דער גרעסטער גביר פון שטאָט. פון אַלע עקן פון דער רוימישער אימפּעריע ברענגט מען אַהער צו פירן ווילדע חיות און מע גרייט זיי, דורך אויסהונגערן, צו די פאָרשטייענדיקע קאַמפן. גרויסע מחנות מענטשן לאָזן זיך פון די אַרומיקע שטעטלעך קיין פּאָמפּעיע: אַלע איילן זיך אויף דער פאָרשטעלונג. אויפן מאַרק איז אַ געוידער, אַ טומל. הונדערטער הענדלער האָבן דאָרט אויסגעשטעלט זייערע קרעמלעך; די בעקער האָבן פונאַנ־דערגעלייגט זייערע קיילעכדיקע לעבלעך ברויט און חלה, און שילטן מיט טויטע קללות עפּעס אַ דורכגייער, וועלכער האָט מיט ווילנדיק אַראָפּגעוואָרפן אויף ד'ערד איינס פון זייערע ברויט־פּיראַמידן; עס רויכערן זיך־קעסלען מיט געקאָכטע אַרבעס און אַנדערע גרינסן; די טעפּער שרייען אויף פאַרשיידענע קולות, לויבנדיק אין הימל אַריין זייערע כלים... אַ טומל און אַ גוואַלד טראָגט זיך פון דעם פּילטויזנדיקן המון.

וועזוווּיוס רוישט אַלץ שרעקלעכער, די ערד טרייסלט זיך שטאַרקער; אַ העלער פלאַם־פייער האָט באַלויכטן די גאַנצע אומגעגנט. מיט אַן אימה קוקט דער המון אויף דער מאַיעסטעטישער ערשיינונג, די פּנימער ווערן בלאַס, די קולות—פאַרשטומט... עס פאַלט אַראָפּ אַ טויטע שטילקייט... נאָר עס גייט אַריבער אַ מינוט—דאָס אונטערערדיש רוישן ווערט אויף אַ ווײַלע שטילער, דער פייער־שיין ווערט בלאַסער—און ווידער הערשט שוין דערזעלבער טומל אויפן שטאָט־פּלאַץ און דאָסזעלבע פרייליכע און זאָרגלאָזע לעבן אין פּאָמפּעיע...

אָוונט... אַ געדיכטע פינסטערקייט האָט אַרומגעוויקלט די אומגעגנט. די נאַטור דרעמלט איין, נאָר דער צעיושעטער וועזוווּיוס שלאָפט ניט, זיין פייער־דיקער שפּיץ ברענט העל אויפן הימל. אַ סך מענטשן זיינען שוין פונאַנדערגע־גאַנגען איבער די הייזער, אָבער אויפן פּאָמפּעיער שטאָטפּלאַץ איז נאָך אַלץ ניט רואיק. דער המון שפּאַרט זיך לעבן דער געביידע פון צירק, כּדי צו פאַר־כאַפּן בעסערע ערטער, און פיל האָבן זיך שוין פונאַנדערגעזעצט אויף די טרעפּ פון אַמפיטעאַטער. נאָר מערניט ווי דאָ, אויפן שטאָטפּלאַץ, באַמערקט זיך אַ באַ־לעבונג; אין דער איבעריקער גאַנצער שטאָט הערשט אַ טויטע שטילקייט. אויך אין די זאַלן פון די פאַרברעכער, וועלכע זיינען פאַרמשפּט מאָרגן צעריסן צו ווערן פון די צעווילדעוועטע, צערייצטע חיות, — אויך פון דאָרטן הערט זיך אַ טומל. דעם לעצטן מאָל האָט מען אַרויסגעלאָזן די אומגליקלעכע פון זייערע ענגע, פינסטערע תּפיסות, כּדי אויפן קהלשן חשבון זיי מכבד צו זיין פאַרן טויט מיט וואָס נאָר די ווײַלן וועלן. און פאַרגעסנדיק אָן די קומענדיקע

שרעקלעכע עינויים און פריציייטיקן טויט, פאַרברענגען די אומגליקלעכע פרייליך, לוסטיק און זאָרגלאָז זייער לעצטע נאַכט...

II.

צו דרום־זייט פון נעאַפּאָל האָט זיך געפונען אַ קליינינק שטעטל מיזעני — אַ רוימישער קריגס־האַפן. אין איינער פון זיינע פאָרשטעט, אויפן סאַמע ברעג ים איז געשטאַנען אַ פּראַכטפולע ווילע. זי איז געווען אַרומגערינגלט פון דריי זייטן מיט פאַרשיידענע געביידעס, ווייגערטענער, ספעקטעס; און פון דער פערטער זייט האָט זיך געפונען אַ גרויסער שאָטנדיקער פּאַרק. אין דעם געדיכטן גרינס פון סאָד האָבן זיך אין אַלע זייטן געשלענגלט סטעזשקעס. הויכע, אונטערגעשאָרענע קיפּאַריסן און פּלאַטאַנען האָבן געוואָרפן אויף די אַלעען אַ געדיכטן שאָטן, און איבער דער גאַנצער אומגעגנט האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן דער געשמאַקער ריח פון די בלומען. אין די קוסטעס זיינען געווען באַהאַלטן אַלטאַנקעס פון וואונדערשיינער אַרכיטעקטור. זיי זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט האָפּן און ווילדע ווייַנטרויבן. העל האָבן געגלאַנצט צווישן גרינס די מעשענע סטאַטועס פון פאַרשיידענע חיות, ס'האָבן געדרוישט קינסטלעכע וואַסערפאַלן, פונאַנדערטראָגנדיק איבערן פּאַרק אַ מחיהדיקע פרישקייט. פון די אַלטאַנקעס האָט זיך געעפנט אַ הערלעכע אויסזיכט אויף דער אומגעגנט — אויפן שימערירנדיקן ים און אויף די שטעט, וועלכע זיינען געלעגן אויפן ברעג. און אין דער בלויער ווייט האָט זיך שטאָלץ געצויגן צום הימל דער וואונדערריז וועזוויוס.

אָט אין דער פּראַכטפולער ווילע האָט געוואוינט די באַרימטע משפחה פּליניוס, וועלכע איז באַשטאַנען פון דריי מענטשן: דעם אַלטן נאַטורפאָרשער פּליניוס, זיין שוועסטער און זיין פּלימעניק קאַיוס. דער אַלטער פּליניוס האָט זיין גאַנצן לעבן געווידמעט דער וויסנשאַפט און ליטעראַטור, און זיין נאָמען האָט געקלונגען ניט נאָר אין זיין געבורטסשטאָט, נאָר איבער דער גאַנצער אימפּעריע. און דאָס האָט ער כשר פאַרדינט: ער האָט אָנגעשריבן הונדערטער ביכער, סיי וועגן דער נאַטור, סיי וועגן געשיכטע.

זיין פּלימעניק, קאַיוס, האָט גאָך קינדווייז פאַרלאָרן זיין פאָטער. דער אַלטער האָט גענומען קאַיוסן צו זיך און האָט אים ליב געקראָגן, ווי אַן אייגענעם זון. דעם יינגלס מוטער האָט זיך צוזאַמען מיט איר זון אויך באַזעצט ביי דעם ברודער, און אַלס דאַנק פאַר זיין גוטס, האָט זי איבערגענומען אויף זיך די באַלעבאַטישקייט. פּליניוס האָט געלייגט זייער פיל מי אויף דער ערציאונג פון דעם קינד. מיט אינטערעסאַנטער מעשהלעך פון נאַטורוויסנשאַפט און געשיכטע האָט ער אין אים אַיינגעפלאַנצט אַ ליבע צו די לימודים, און זייענדיק פאַר אים אַ לעבעדיקער מוסטער פון אַרבעטזאַמקייט און פלייסיקייט, האָט פּליניוס איינגעוואָרצלט אין זיין פּלימעניק אַ חשק און אַן אמתע ליבע צו דער אַרבעט.

דער יונגער קאַיוס איז געווען זייער צוגעבונדן צו זיין פאָטער און האָט זיך באַציִיגן צו אים מיט גרעסטן יראת־הכבוד. די מוטער האָט אָן זייער גע־

פריימ מיט די פעולות פון איר זון. די אַלטיטשקע איז געווען רואיק פאַר איר זון: ער האָט געהאַט בילדונג און גוטע פעאיקייטן. זי האָט פאָראויסגעזען פאַר אים כבוד און באַרימטקייט — און די מוטער האָט געשטאָלצירט מיט איר קאַיוסן.

ליבע און אחדות האָבן געהערשט אין דער זעלטענער משפחה.

III.

די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון האָבן באַלויכטן דעם ברעג פון דעם נעאַפּאָליטאַנישן ים־אויסגוס. די נאַטור האָט דערוואַכט; דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן צו קאָכן אין די שטעטלעך אויפן ברעג ים.

אין דער ווילע איז מען שוין לאַנג ניט געשלאָפן. דער אַלטער פּליניוס איז געזעסן אין זיין איינזאַמען קאַבינעט און האָט געאַרבעט איבער אַ ניי ווערק. קאַיוס איז אַוועק זיך באָדן, און זיין מוטער האָט אַרומגעשפּאַצירט אין סאָד. אויפן הימל האָט זיך ניט געזען קיין וואָלקנדל; נאָר אַ קליין ווינטעלע האָט זיך געשפּילט אין די צווייגן פון די ביימער און די פייגעלעך, וועלכע האָבן אָקאָרשט דערוואַכט, האָבן זיס געזונגען.

מיטאַמאָל האָט זיך אויף דער מזרחדיקער זייט פון הימל באַוויזן אַ שוואַרצע כמאַרע פון אַן אומגעהייערער פאָרם און גרייס—ווי אַ ריזיקע סאָסנע מיט אַ הויכן שטאַם און ברייט פונאַנדערגעשפּרייטע צווייגן. זי האָט זיך אין איין אויגנבליק אויסגעצויגן אין אַ לאַנגער סטענגע און האָט זיך, ווי אַ שלאַנג, גענומען דרייען אויפן הימל,—דאָ אַ פייער־רויטע, דאָ אַ באַזוימטע ביי די ברעגעס מיט אַ שוואַרצן פּאַס. ס'האָט זיך דערהערט אַ אונטערערדישער רעש, פּונקט ווי הונדערטער וועגענער וואָלטן זיך אַ לאָז געטאָן איבערן ברוק—און די ערד האָט אָנגעהויבן צו ציטערן. די כמאַרע איז געפלויגן גיך, און האָט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער פונאַנדערגעשפּרייט איבערן הימל.

פּליניוס שוועסטער איז געוואָרן אומרואיק. די שרעקלעכע כמאַרע האָט אָנגעוואָרפן אויף איר אַן אימה. ניט פאַרשטייענדיק, וואָס דאָס באַטייט, איז די אָרימע פרוי אַוועקגעלאָפן אין שטוב אַריין און איז אָן אַן אָטעם אַריינגעפאַלן צו איר ברודער אין קאַבינעט. „אויפן הימל קומט פאָר עפּעס שרעקלעכס“, האָט זי קוים אויסגערעדט, „די געטער שטראָפן אונז. גיי אַרויס, גיב אַ קוק, ווי עס קריכט איבערן הימל די שרעקלעכע בריאה!“... פּאַמעלעך, ניט געאַיילט, איז פּליניוס אַרויסגעגאַנגען אין סאָד, אַ קוק געטאָן אויפן הימל און רואיק געזאָגט: „איך וועל צופאָרן צום באַרג (וועזוויוס). מע דאַרף אַ קוק טאָן, וואָס קומט דאָרטן פאָר. זע, שוועסטער, אַז די קנעכט זאָלן מיר צוגרייטן אַ שיפל; און דו, קאַיוס, גרייט זיך צו—וועסט אויך מיטפאָרן“. „ניין, פעטער, ביי מיין בעסטן ווילן קען איך דיר ניט באַגלייטן. איך האָב דאָך נאָך ניט געענדיקט די אַרבעט, וואָס דו האָסט מיר אויפגעגעבן. איך...“ דאָ האָט זיך קאַיוס אָפּגעשטעלט: צו אים זיינען דערפלויגן קלאַנגען פון אַן אומבאַקאַנטער שטים. די קנעכט האָבן זיך מיט עמיצן געאַמפּערט, ניט געוואָלט אים אַריינ־

לאָזן. „היי, ווער איז דאָרטן? וואָס איז דאָס פאַר אַ טומל?" האָט געפרעגט דער אַלטער פליניוס. ס'האָט זיך באַוויזן אַ פאַרשטויבטע פיגור פון אַ קנעכט. זיינע האָר זיינען געווען צעשויבערט, דאָס פּנים בלייך, די ברוסט האָט זיך שווער געהויבן. ער האָט דערלאַנגט פליניוסן אַ בריוו פון זיין פריינד באַסס פּרוי. דער קנעכט האָט דערציילט: „שוין עטלעכע שעה, ווי מיין האַר איז אַוועק צום באַרג: דער ים רוישט און שטורעמט, און מיין האַרינטע איז זייער אומרואיק. אונזער ווילע טרייסלט זיך. עס זאָל, חלילה, וואָס ניט טרעפן!... פאַר שנעלער צו אונז. אַלע האָבן דאָרט פאַרלאָרן דעם קאָפּ"...

דעם קנעכטס דערציילונג האָט פליניוסן צערודערט. אַ צעטראָגענער האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיין פּלימעניק. „וואָס. קאַיוס, מע דאַרף פאָרן, האַ? מע דאַרף תּיכּף פאָרן".

ער האָט זיך דייטלעך פאָרגעשטעלט באַססן און זיינע איבעריקע פריינד אין אַן אומגליק; און די ליבע צו זיי האָט אין אים מנצח געווען די ליבע צו דער וויסנשאַפט. „מערער שיפלעך!" האָט ער אויסגעשריען, פּאַטשנדיק אין די הענט, „איך וועל באַלד באַפוילן, וואוהין צו פאָרן".

און פליניוס האָט שוין מיט אַ רואיקער שטים אַרויסגעגעבן באַפעלן, פונאַנדערשיקנדיק שיפלעך אין פאַרשיידענע ריכטונגען; אַליין איז ער אַוועק־געפאָרן אין סטאַביע.

דער באַרג איז שוין געבליבן ווייט פון הינטער אים און די רייזע איז געוואָרן אַלץ געפערלעכער. דער גרונט פון ים האָט זיך געוויגט, ס'זיינען פלוצלונג אויסגעוואַקסן נייע אינזלען. די אומגעהייער גרויסע כוואַליעס פלעגן שיר ניט איבערקערן דאָס שיפל; דער רודערער איז געווען בלייך פון שרעק; זיינע הענט האָבן געציטערט און מיט אַ צעשראָקענער שטים האָט ער זיך גע־ווענדט צו פליניוסן, בעטנדיק, זיי זאָלן זיך אומקערן אַהיים. די לאַגע פון דעם געלערנטן איז געווען זייער אַ פאַרצווייפלטע: זיין לעבן איז איצט געווען אין סכּנה און זיין גאַנץ הויזגעזינט נייטיקט זיך דאָך אַזוי אין אים! נאָר דער אַלטער האָט זיך ניט לאַנג געקווענקלט: די אומגעווייינלעכע וויכטיקייט פון דעם מאָמענט און די ליבע צו זיין פריינד האָבן אין אים גובר געווען אַלע איבעריקע מחשבות. ער האָט איבערגענומען דעם רודער פון דעם אויף טויט צעשראָקענעם קנעכט, און ער האָט זיך דרייסט געלאָזט פאָראויס.

און די געפאַר איז אַלץ געוואַקסן. אין דער לופט האָט זיך געשפּירט דער ריח פון שוועבל; ס'איז געפאַלן אַן אַש־רעגן; פונאַנדערגעגליטע שטיינער זיינען געפאַלן איבער די קעפ פון די רייזנדע. מוטיק, אָן שרעק איז פליניוס געשטאַנען אויפן שיפל און האָט רואיק פאַרשריבן אין זיין נאָטיץ־ביכל אַלע זיינע באַאָבאַכטונגען, אינדערצייט, ווען אַלע זיינע מיטרייזנדע האָבן ניט גע־וואַגט זיך אַפילו אַ ריר צו טאָן פון שרעק.

לאַנג האָבן זיי געקעמפט מיט די צעיושעטע כוואַליעס, ניט איין מאָל האָבן זיי זיך געזען מיטן טויט פּנים־אל־פּנים נאָר ענדלעך האָבן זיי בשלום דערגרייכט דעם באַרג.

דאָרטן איז געשטאַנען, אַ נידערשלאָגענע פון שרעק, די משפּחה פון באָסטן. אַלעמענס פּנימער זיינען געווען בלייך, די ליפּן האָבן געציטערט. די פרויען זיינען געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט, בעטנדיק רחמים ביי די געטער. נאָר פּליניוס האָט זיך ניט פאַרלאָרן און האָט גענומען באַרואיקן זיינע פריינד. „איר זייט מגזם די געפאַר", האָט דער געלערנטער געפּרובט זיי איינ-ריידן. „גלויבט מיר — קיין שום אומגליק שטייט אונז ניט פאָר. דאָס ברענען נאָר די דאָרף-הייזלעך, וועלכע זיינען פאַרלאָזן געוואָרן דורך די איבערגע-שראָקענע איינוואוינער"... זיינע רייד האָבן אַ ביסל באַרואיקט זיינע פריינד. פּליניוס האָט זיך אויסגעבאָדן, אָפּגעגעסן מיטאָג און האָט גענומען דיקטירן דעם סעקרעטאַר זיינע באַאָבאַכטונגען.

איבערן וועזוּוויוס האָט זיך דער פייער צעפלאַקערט אַלץ העלער. דער גאַנצער הימל איז שוין געווען אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען. אויף דער ווילע האָט מען גיך צונויפגעפּאַקט די זאַכן און געקליבן זיך צו אַנטלויפן. פּליניוס האָט רואיק געקוקט אויף די קנעכט, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן זייערע הערן. אויף זיין פּנים איז ניט געווען צו באַמערקן קיין שפּור פון שרעק. מער ניט זיינע אויגן האָבן אויסגעוויזן מידקייט. „איך וועל גיין זיך אָפּרוען" — האָט דער אַלטער געזאָגט — „איז גרייט פאַר מיר אַ געלעגער?" מע האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ צימער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען מיט די פענסטער אויפן הויף. פּליניוס איז איינגעשלאָפן מיט אַ פעסטן שלאָף פון אַ פאַרמאַטערטן מענטשן.

און וועזוּוויוס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַלץ שטאַרקער. ס'איז גע-וואָרן שווער צו אָטעמען אין דער אָנגעגליטער לופט. דער הויף איז געוואָרן פול מיט שטיינער און אַש. אַ פאַרצווייפלונג האָט צעקרימט די פּנימער פון די מענטשן. זיי זיינען געלאָפן מחנותוויז, שטופּנדיק און שטויסנדיק איינער דעם צווייטן.


„שטיי אויף! שנעלער שטיי אויף!" האָבן געשריען, משוגע פון שרעק, פּליניוסעס פריינד, אַריינרייסנדיק זיך צו אים אין צימער. דער אַלטער איז אויפ-געשפּרונגען פון זיין געלעגער און האָט זיך פאַרוואונדערט אַרומגעקוקט.

און די ערד האָט זיך געוויגט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די ווענט פון די הייזער האָבן געציטערט, די מעבל איז אומגעפאַלן, די סטאַטועס פון די געטער זיינען אַראָפּגעפאַלן פון די פּיעדעסטאַלן. מע האָט ניט געטאָרט מער פאַרבלייבן אין דער ווילע קיין איין מינוט, און אויב מע האָט זיך נאָך געקאָנט ראַטעווען — איז נאָר מיטן ים. אָבער דער וועג צום ברעג איז גע-ווען זייער און זייער געפערלעך. נאָר מע האָט געמוזט זיך אויף וואָס ניט איז באַשליסן. און אָט האָט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט, נעמענדיק אויף די קעפּ קישנס, כּדי צו באַשיצן זיך פון די פאַלנדיקע שטיינער, אַ לאָז געטאָן צום ברעג. מיט גרויס מי האָט מען זיך אַהין דערשלאָגן. דער ים האָט שרעקלעך געשטורעמט. הויך האָבן זיך געהויבן די ריזיקע וואַלן, און זייערע שפּיצן האָבן גע-גלאַנצט, באַלויכטן פון פייער פונם וועזוּוויוס. פאָרן מיטן וואַסער איז געווען סכּנות נפשות.

פּלינױס איז געווען פאַרמאַטערט פון גאַנג. ער האָט פונאַנדערגעשפּרייט אויפן גראָז אַ טעפּעך און האָט זיך צוגעלייגט. ס'איז אים געוואָרן עפּעס ניט גוט, די קרעפטן האָבן אים ביסלעכוויז פאַרלאָזן: צופיל האָט ער זיך אָנגעשטרענגט. ס'איז אים געווען זייער שווער צו אָטעמען מיט דער לופט, וועלכע איז געווען דורכגעזאַפּט מיט שעדלעכע גאַזן. „וואַסער, כאָטש אַ טראָפּן וואַסער!“ האָט מיט די לעצטע כּוחות אויסגעשריען דער אַלטער. צוויי קנעכט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן דערפילן זיין בקשה. דער אַלטער איז אַ ביסל געקומען צו זיך. נאָר מיטאַמאָל האָבן נייע כמאַרעס אַש באַדעקט דעם הימל; אַ טויט־שרעק האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט; ווי ווילדע חיות האָט מען זיך געלאָזן לויפן. פיל זיינען געפאַלן, אָבער די איבעריקע האָבן געטראָטן מיט די פיס די נאָך לעבעדיקע קערפּערס... פּליניוס האָט זיך אויך געוואָלט אויפהייבן, נאָר די קרעפטן האָבן אים שוין אינגאַנצן פאַרלאָזן. ער האָט זיך אונטערגעהויבן, איז אָבער צוריק אַנידערגעפאַלן.

און זיינע פריינד און קנעכט זיינען אַלץ געלאָפן, אַליין נים ווייסנדיק וואוהין. נאָר אָט זיינען זיי איינציקוויז אַנידערגעפאַלן — און אַ רעגן פון אַש האָט פאַרשאָטן די לעבעדיקע און די טויטע.

דער אַלטער איז געלעגן אַליין אויפן פונאַנדערגעשפּרייטן טעפּעך. דער ווינט האָט פונאַנדערגעבלאָזן זיינע גרייזגראָע האָר, און דער פייער פון וועזוויוס האָט באַלויכטן דעם טויטן פּנים פון דעם געלערנטן...



IV.

אין פּאַמפּע איז די פֿאָרשטעלונג אין צירק אין פולן גאַנג. מע האָט אַרויסגעלאָזן אויף דער אַרענע די צעיושעטע חיות, און די בלוטדאָרשטיקע איטאַליענער וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם קאַמף צווישן די אויסגעהונגערטע, ווילדע חיות מיט די אומגליקלעכע פֿאַרברעכער.

און ווען ווי־וויוס האָט זיך פונאַנדערגעבערענט אַלץ שטאַרקער, אַלץ העלער... כמאַרעס אַש טראָגן זיך איבערן שטאָט, ס׳פֿאַלן פונאַנדערגעגליטע שטיינער...

עס באַווייזן זיך אויף דער אַרענע די קעמפער. מיט העלדישקייט פון פֿאַרצווייפֿלונג וואַרפֿט זיך איינער פון זיי אויף אַ מעכטיקן לייב. אַ טויט־קאַמף הייבט זיך אָן, נאָר אַ דאַנק אַ געלונגענעם אויספאַל, גיט זיך איין דעם מענטשן אַריינצושטעכן זיין שפּיז אין דאָס האַרץ פונם לייב. און דער געלער זאַמד פון דער אַרענע ווערט רויט פון דעם בלוט פון דעם געפֿאַלענעם לייב. אַ הילכיקער „בראַוואָ“ און אַ האַנטפּאַטשעריי באַדאַנקט דעם העלד פֿאַר זיין נצחון...

און פון דער הינטערשטער זייט פון צירק רוקט זיך אָן אַלץ נעענטער און נעענטער די שרעקלעכע, שוואַרצע כמאַרע, און מיטאַמאָל ווערט שטאָקפינסטער.

עס וויגט זיך די ערד, עס פֿאַלן איין געביידעס, דער המון וואַרפט זיך אין טויטשרעק... מענטשן לויפן און געפינען זייער טויט אונטער די רואינען. מע דערקענט ניט איינער דעם צווייטן... אייניקע בעטן רחמים ביי די געטער, אויסשטרעקנדיק די הענט צום הימל, אַנדערע שרייען, אַז קיין געטער איז שוין מער ניטאָ, און עס איז שוין געקומען דער סוף פון דער וועלט... מע שטופּט זיך, מע שטויסט זיך, מע פֿאַלט און מע שטייט ווידער אויף, מע שפּרייזט איבער די געפֿאַלענע.

די ווילדע חיות האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די שטייגן, צעמישט זיך מיטן צעשראָקענעם, צעטומלטן המון, און זייער צעשראָקן ברומען האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די מענטשלעכע קולות, געוואַלדן און יללות...

און דער חושך ווערט אַלץ געדיכטער און געדיכטער, בערג אַש ווערן אַראָפּגעשליידערט אויף דער שטאָט... דער המון ווערט שיטערער, די קרעכצן שטילער... די כמאַרע איז שוין אַריבער, — און דער אָפּשיין פון ווי־וויוס האָט באַלויכטן אַ טויט, מיט אַש באַדעקטן מדבר. דאָרט, וואו מיט עטלעכע שעה צוריק האָט געקאָכט דאָס לעבן פון דער רוישיקער פּאָמפּעע — האָט

איצטער געהערשט אַ טויטע שטילקייט... שטאַרק און אייביק איז דער שלאָף פון דער אומגעקומענער שטאָט... (איינציייטיק מיט פּאָמפּעיע זיינען אומגעקומען נאָך צוויי בליענדיקע רוימישע שטעט: הערקולאַנום און סטאַביע אין 79 יאָר נאָך קריסטוס געבורט).

V.

נאָכן אָפּפאָר פון דעם פעטער, האָט זיך דער יינגערער פּליניוס געזעצט אַרבעטן. אינאָוונט האָט ער זיך אויסגעבאָדן, אָפּגעגעסן און געלייגט שלאָפן. נאָר ער האָט ניט געקאָנט שלאָפן רואיק. די גאַנצע נאַכט האָט זיך די ערד געוויגט און געציטערט; עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ פאַלט איין. געשרייען און יללות פון די איבערגעשראָקענע מענטשן האָבן זיך דערטראָגן צו אים אין שלאָפצימער. ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט קאַיוס אַריינגערופן אַ קנעכט און גענומען זיך אָנטאָן. מיטאַמאָל איז אַריינגעלאָפן צו אים אין צימער זיין מוטער: „שנעל לויף אַרויס! באַלד פאַלט איין די שטוב!..״ האָט זי אויסגעשריען און האָט אַרויסגעפירט דעם זון פאַרן האַנט אויפן הויף. דאָרטן, צווישן די געביידעס, האָט זיך אויפגעקליבן אַ גרויסע מחנה קנעכט, וועלכע זיינען געווען צעטומלט און צעשראָקן פון די שרעקלעכע געשעענישן. קאַיוס האָט ניט פאַר־לאָרן זיין מוט, האָט געהייסן זיך ברענגען די ווערק פון טיטוס ליוויוס (אַ באַרימטער רוימישער היסטאָריקער) און גענומען לייענען, מאַכנדיק די געוויינלעכע אויסצוגן.

אין סאָד האָט זיך באַוויזן איינער פון דעם אַלטן פּליניוס גוטע פריינד. „וואָס!״ — האָט ער אויסגעשריען מיט פאַרדרוס — איך לויף אייך ראַטעווען און טרעף זיך גאָר ביים לייענען?.. קאַיוס, קאַיוס! גיב נאָר אַ קוק אויף דיין מוטער: זי ציטערט דאָך פון שרעק״... קאַיוס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גענומען שמייכלען. „איך וועל דאָך נאָך באַווייזן צו פאַרלירן די טייערע צייט״, האָט ער מיט שפּאַט באַמערקט, „און דערווייל וועט וועזוווויוס אַ ביסל אויף מיר אונטערוואַרטן״... און ער האָט זיך ווייטער גענומען צום איבערגעריסענעם לייענען... דער זאַמדזייגער האָט שוין געוויזן זיבן, און עס איז נאָך אַלץ געווען פינסטער. די ערד האָט געציטערט, די אַרומיקע געביידעס האָבן זיך געשאָקלט. בלייבן לענגער אויפן הויף איז געוואָרן געפערלעך. קאַיוס האָט געהייסן מיט־נעמען מיט זיך פורן, כדי מען זאָל ניט דאַרפן אַוועקוואַרפן אויפן וועג די אָפּגעשטאַנענע; מען האָט אַרויסגעפירט אויפן הויף די וועגענער... די איבער־געשראָקענע פּליטים האָבן דערזען אַ וואונדערלעכע דערשיינונג: די וועגענער האָבן זיך געשאָקלט און געקייקלט אין אַלע זייטן, אַפילו דאַן, ווען מען האָט אונטערגעלייגט אונטער די רעדער גראָבע קלעצער. די פּליטים האָבן דערזען, ווי דער ברעג האָט זיך געהייבן אַלץ העכער און העכער, און דער ים האָט זיך דערווייטעדט פון אים; אַ סך ים־בעלי־חיים זיינען געבליבן אויף דער יבשה; פיש האָבן זיך געצאַפּלט אויפן זאַמד... אַ שרעקלעכע, שוואַרצע כמאַרע האָט אָנגעיאָגט די פּליטים; בליצן האָבן געצוקט אין אַלע זייטן... דעם אַלטן

פּליניוס פריינד האָט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן זיך בײַ אַלעמען, אַז מען זאָל זיך צעאיילן מיטן אַנטלויפן. „אויב דער אַלטער לעבט נאָך", האָט ער געטענהט — „באַאומרואיקט ער זיך וועגן אײַך און וויל, אַז איר זאָלט זיך ראַטעווען; און אויב ער איז, חלילה אומגעקומען — וואָלט ער געוויס געוואָלט, אַז איר זאָלט אים איבערלעבן. ראַטעוועט זיך!.." נאָר קאַיוס האָט זיך נאָך אַלץ געקוויענקלט. זײַן מוטער האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און האָט ביטער געוויינט. „אָרימער ברודער!" האָט זי געכליפּעט — „ער וועט, נעבעך, אומקומען, און איך וועל אים ניט-קענען אַפילו די אויגן פאַרמאַכן. קאַיוס, לאָמיר וואַרטן כאָטש נאָך אַ ווײַלע, אפשר וועט זיך באַלד באַווײַזן זײַן שיפל"... נאָר דאָס שיפל איז אַלץ ניט אָנגעקומען. מוטער און זון האָבן אין עגמת=נפש געטראַכט: „ווער וועט זאָרגן וועגן דעם אַלטן, אַז מיר וועלן פאַרלאָזן די ווילע? די געפערלעכע רייזע וועט אים אויסמאַטערן. ס'וועט ניט זײַן, ווער עס זאָל אים באַגעגענען, ווער ס'זאָל באַזאָרגן זײַן אָפּרו..."

נאָר די געפאַר איז שוין געוואָרן צו גרויס; מ'האָט ניט געטאָרט פאַרלירן קיין מינוט. איצטער האָט שוין די אַלטיטשקע אַליין געטריבן קאַיוסן: „איך בין אַלט און שוואַך און קען ניט גיך לויפן. אויב דו וועסט אויף מיר וואַרטן — וועסטו אַליין אומקומען און מיך ניט ראַטעווען. טראַכט ניט וועגן דײַן מוטער, זי האָט שוין אירס אָפּגעלעבט, — ראַטעווע זיך אַליין..." „ניין, מאַמע" — האָט אַנטשלאָסן געזאָגט קאַיוס — „צי דען קען איך דיך דאָ אַוועקוואַרפן — אַ שוואַכע, אַן אַלטע, אַ שוצלאָזע? אויב דו האָסט ניט קיין כּוח צו אַנטלויפן, וועל איך בלײַבן מיט דיר, — און אויב עס איז דערויף די געטערס ווילן — וועלן מיר בײדע צוזאַמען אומקומען. איצטער פּרוּוו זיך אויפשטעלן, שפּאַר זיך אָן אָן מײַן האַנט. נו, וואָס, ס'איז גרינגער אַזוי? זײַ ניט אומרואיק וועגן פעטער: ער האָט שוין געוויס געפונען פאַר זיך אַ זיכערן מקום מקלט... דער אומגליק דערנענטערט זיך... קלײַב צוזאַמען דײַנע כּוחות, לאָמיר לויפן!.." מיט די ווערטער האָט קאַיוס גענומען די אַלטיטשקע פאַר דער האַנט און האָט זי כמעט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך... די טרערן זײַנען פאַרגליווערט געוואָרן בײַ איר אויפן פּנים. מיט אַ שווערן געמיט האָט זי פאַרלאָזן איר היים, אַלץ טראַכטנדיק וועגן ברודער.

... און די שוואַרצע כמאַרע ווערט אַלץ נעענטער און נעענטער צו די פּליטים. אַ געדיכטע פינסטערקייט באַדעקט די ערד. ס'הייבט אָן צו קאַפּענען אַן אַש=רעגן. די כּוחות פאַרלאָזן די אַלטיטשקע: קוים וואָס זי שלעפּט זיך, אירע פיס בויגן זיך. „לאָמיר אָפּגיין אָן אַ זײַט, כּל=זמן מע זעט נאָך וואָס", האָט קאַיוס באַמערקט — „אויב מיר וועלן פאַלן אויפן וועג — וועט מען אונז צעטרעטן..." די מוטער און דער זון האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַם זײַט וועג אין אַ גראָבן. אַ חושך האָט געהע..שט אויף דער ערד. דער שוואַרצער וואָלקן האָט אַלץ פאַרשטעלט פון די אויגן, אַפילו דעם העלן פלאַם פון וועזוווויוס. שטאַרקער האָבן זיך געהערט די ווייגעשרייען און דאָס יאָמערן, טרויעריקער האָבן

געקלונגען די תּפילות, אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן אין פּנים פון די פּליטים; פיל זיינען געפאַלן, און בערג מיט אַש האָבן זיי פאַרשאָטן...

— מיטאַמאָל איז געוואָרן ליכטיקער; נאָר דאָס איז געווען ניט דאָס טאָגליכט, נאָר דער העלער אָפּשיין פון וועזוווּוס האָט זיך דורכגעריסן דורך די כמאַרעס און האָט אויף אַ ווײַלע באַלויכטן דאָס שרעקלעך בילד, כּדי אין אַ רגע אַרום ווייטער פאַרלאָשן צו ווערן און נאָך געדיכטער מאַכן די פינסטערניש... דער אַש איז געפאַלן גאָר אָן אַן אויפהער. עטלעכע מאָל זיינען אונזערע פּליטים אויפגעשטאַנען, כּדי זיך אָפּצוטרייסלען. יעדע רגע האָט מען געוואַרט אויפן טויט; די מינוטן האָבן זיך געצויגן אומענדלעך לאַנג... און אין אַזאַ פאַרצווייפלטער לאַגע, אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטער פינסטערניש, האָבן אונזערע פּליטים פאַרבראַכט עטלעכע שרעקלעכע שעה.

ענדלעך האָבן זיך די כמאַרעס צעזייט, און די שטראַלן פון דער זון האָבן באַלויכטן די אומגעגנט. אַ שרעקלעך בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן פון אונזערע פּליטים: מיט אַ געדיכטער, טונקלגרויער דעקע איז דאָס גאַנצע לאַנד געווען באַדעקט; די בליענדיקע פעלדער זיינען איצט געלעגן פאַרוויסט און פאַרוואָרפן מיט שטיינער; איבער זיי האָבן אַרומגעבלאָנקעט טויזנטער אומגליקלעכע אָן אַ דאַך, אָן האָב און גוטס...

די געפאַר איז נאָך ניט אינגאַנצן אַריבער, נאָר קאַיוס מיט דער מוטער האָבן זיך אומגעקערט אַהיים: זיי האָט שטאַרק באַאומרואיקט דער גורל פון דעם אַלטן געלערנטן. דריי שלאָפלאָזע נעכט האָבן זיי פאַרבראַכט אויף דער ווילע, וואַרטנדיק אויף פּליניוסן. מינוטנווייז פּלעגט די אַלטיטשקע ביינאַכט איינשלאָפן, נאָר אַפילו אין חלום פּלעגן זיך איר פאָרשטעלן די שרעקלעכע געשעענישן פון די לעצטע טעג. עס איז אַוועק אַ טאָג, אַ צווייטער און דער אַלטער האָט זיך אַלץ ניט צוריקגעקערט. אויף באַגינען פון דריטן טאָג האָט זיך קאַיוס געלאָזט זוכן דעם פעטער. ער האָט געוואוסט, וואו באַסס האָט געוואוינט — און ער האָט זיך אַוועקגעשיפט אין סטאַביע אַריין. שיפנדיק זיך ביים ברעג, האָט ער אומעטום געזען די שפּורן פון דעם שרעקלעכן אומגליק. באַסס הויז איז געווען צעשטערט, און די חורבות זיינען געווען פאַרדעקט מיט בערג אַש. טויטע קערפּערס, אָן אַ צאָל, האָבן זיך געוואַלגערט צווישן די חורבות. מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, האָט קאַיוס געבלאָנדזשעט איבער דעם וויסטן מדבר, זוכנדיק צווישן די טויטע דעם פעטער. פונווייטן האָט ער אים דערקענט, און אַ וואָרף טוענדיק זיך צום טייערן מת, איז קאַיוס געפאַלן אין חלשות אויף דער קאַלטער ברוסט פון זיין הייסגעליבטן פעטער...

דעם אַלטנס קערפּער האָט מען געבראַכט אַהיים און דאָרטן מקבר געווען. נאָכן פריצייטיקן טויט פון דעם טייערן קרוב האָט זיך קאַיוס מיט דער מוטער אויף אַלע מאָל אַריבערגעקליבן אין רוים.

כּמעט 17 יאָרהונדערטער זיינען רואיק פאַרגאַנגען זינט עס זיינען באַגראָבן געוואָרן אונטערן אַש פון וועזוווּוס, די אומגליקלעכע שטעט — סטאַביע, הערקולאַנום און פּאָמפּעע. פּונקט ווי אַמאָל האָבן געגלאַנצט די העלבלויע

וואַסערן פון נעאַפּאָליטאַנישן ים־אויסגוס; אין דער ווייט האָבן זיך געזעען די פּיאָלעט־בלוילעכע סילועטן פון דער בערגקייט; ווי אַ שוואַרצער ריז האָט זיך געהייבן צום בלויען הימל דער שטאָלצער וועזוויוס; דאָס גאַנצע ברעגלאַנד איז געווען פאַרטרונקען אין גרינס.

נאָר דער זכר פון די אומגעקומענע שטעט איז אינגאַנצן אויסגעמעקט געוואָרן ביי די איצטיקע איינוואוינער פון דעם לאַנד; אויפן אָרט פון דער אַמאָליקער פּאָמפּעע האָבן מער ניט געבראָדזשעט בהמות און ס׳האָבן געגרינט ווייגערטענער.

מיטאַמאָל האָט דאָ אָנגעהויבן צו קאָכן. דאָס איז געווען אין אָנהייב פון 18־טן יאָרהונדערט. הונדערטער שוואַרצהנעוודיקע, אָפּגעברענטע איטאַליענישע אַרבעטער האָבן זיך דאָ פאַרנומען מיט שלעפּן שטיינער, גראָבן גראַבנס און ברינימער. דער איטאַליענישער מאַרקיז עמנואל עלבעף איז באַצויבערט געוואָרן פון דער וואונדערשיינער געגנט און האָט באַשלאָסן אויסצובויען דאָ אַ פּרעכטיקע ווילע. אַרבעטער, וועלכע האָבן געגראָבן אַ ברונים, האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס האַרטס: מע האָט אַרויסגעגראָבן עטלעכע מירמלנע פּליטעס.

ס׳זיינען אַוועק נאָך עטלעכע יאָר, און ווען האָבן פּויערים, וועלכע האָבן געריגיקט זייערע ווייגערטענער, באַמערקט, ווי פון דער ערד סטאַרטשען עפּעס אַרויס שטיקלעך זיילן. דער קיניג קאַרל III האָט זיך דערמיט זייער פאַראינטערעסירט און האָט באַפוילן צו מאַכן אויף אָט דעם אָרט סיסטעמאַטישע אויסגראָבונגען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ווייגערטענער זיינען געווען פאַרפלאַנצט אויף די חורבות פון דער אַמאָליקער פּאָמפּעע. מע האָט אָפּגעגראָבן אַ דאַך פון עפּעס אַ גרויסערגעביידע: דאָס איז געווען דער אַמאָליקער פּאָמפּעער טעאַטער. פון דאַן אָן דויערן די אויסגראָבונגען ביז היינטיקן טאָג.

איצטער קען אַ נייגעריקער רייזנדער צופאָרן צו פּאָמפּעע אין אַ וואַגאָן פון דער אייזנבאַן, וועלכע גייט פון נעאַפּאָל פאַרביי דער דרומדיקער זייט פון וועזוויוס. בעת מען דערנענטערט זיך צו דער אַמאָליקער שטאָט, וואָס איז איצט אויפגעשטאַנען תחית־המתים, באַמערקט מען לכתחילה בערג מיסט און שטיינער, וועלכע זיינען אַרויסגענומען געוואָרן אין דעם אָרט פון די אויסגראָבונגען, ווייטער עפנט זיך אַ אייגנאַרטיקע אויסזיכט אויף „דער טויטער שטאָט“ אויף די האַלב צעשטערטע, אָבער ניט קיין פאַרפוילטע ווענט פון די הייזער געפינען זיך גלייך ווי ערשט[נעכטן אויסגעקריצטע מודעות וועגן שפּילן פון גלאַדיאַטאָרן. די שמאָלע, קרומע גאַסן זיינען פאַרנומען מיט קראָמען פון ביידע זייטן. דער טינק פון די ווענט, וועלכער באַשטייט פון קליינע, אַרומגעטשעסעטע קאַלך־פּליטקעס, — איז אויסגעפּאַרבט מיט נאָך ניט אָפּגעבלאַקעוועטע העלע פאַרבן, רויטער, בלויער, גריבער, אָדער געלער.

מיט איין וואָרט, די אַלט־רוימישע שטאָט — מיט אירע גאַסן, האַנדלסמערק, וואַסערלייטונג און הייזער — איז עפּעס ווי דורך אַ נס געבליבן גאַנץ ביז היינטיקן טאָג; נאָר אָנשטאָט די רוימער, וואָס פלעגן דאָ אַרומשפּאַצירן אין

זייערע ווייסע טאָגעס, גייען איצטער אַרום איבער די גאַסן טוריסטן אין היינטמאָדישע קאָסטיומען אין דער באַגלייטונג פון וועגווייזער.

איבצווייניק זייבען די הייזער אינג_נצן פוסט: אַלץ, וואָס מען האָט דאָרטן געפונען, האָט מען באַהאַלטן אין אַ ספּעציעלן מוזיי. אַ סך געגנשטאַנדן פון



די חורבות פון אַ הויז אין פּאָמפּעע.

הויזלעכן געברויך האָט מען דאָרט געפונען; זיי האָבן אויסגעזען גלייך ווי מ'האָט זיי ערשט נעכטן באַנוצט; אויף די הויז-אַלטאַרן איז נאָך צו זען קוילן און אַש פון די געבראַכטע קרבנות; אין די פרויען-צימערן וואַלגערן זיך פלעשעלעך פון פּאַרפומען, קאַמען און שפּילקעס. אין אַ קוזניע האָט מען געפונען אַ בלאָזאַק; אין אַ בעקעריי—ליימענע קריג פון מעל און אייל; דייזשקעס, אין וועלכע מען פלעגט פּאַרקנעטן טייג; אין אייניקע הייזער האָט מען געפונען קיילעכדיקע לעבלעך ברויט, פאַרהאַרטעוועטע, ווי שטיין, און שוואַרצע, ווי קויל. די וואולקאַנישע אַש איז אַריינגעדרונגען אַפילו אין די ווייַן-קריג, האָט זיי אָנגעפילט — און האָט פאַרוואַנדלט די פליסיקייט אין אַ שטיק האַרטע מאַסע. אין אַ קעלער פון איין הויז האָט מען געפונען סקעלעטן, וועלכע זייַנען געלעגן איינער לעבן דעם אַנדערן — צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט. דער אַש, וועלכער האָט אָנגעפילט דעם צווישנרוים צווישן זיי, איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן און האָט אָנגענומען די פאָרמען פון די קערפּערס. אין טויער פון דעמזעלבן הויף האָט מען געפונען 2 מענטשלעכע קערפּערס: איינער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שליסל און אַ זעקל מיט קאָסטבאַרע חפצים, דער אַנדערער האָט גע-

שלעפּט אַ קאַסטן מיט זילבערנע כּלים. בּיים אַריינגאַנג אין טעמפּל פון דער געטין איזידע האָט מען אונטער אַ שיכט אַש געפונען אַ סקעלעט פון אַ מענטשן, וועלכער האָט געטראָגן טייערע טעמפּל־כּלים.

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס אין דער טיפעניש פון דער ערד זיינען די רעשטן פון די אַמאָליקע הייזער, טעמפּלען און אַנדערע געביידעס געבליבן. ווי אָבער האָבן געקאָנט בּ ל י ב ן ג אַ נ ץ די קערפּערס פון די מענטשן און חיות?



ט קערפּער פון אַ מענטשן, געפונען ביי די אויסגראָבונגען אין פּאָמפּעע.


צום פוילן און צעשטערן איז אומבאַדינגט נייטיק לופט. פּאָמפּעע איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט אַש, וועלכער האָט אַרומגענומען און אַריינגעדרונגען אין אַלע געגנשטאַנדן און האָט זיי פאַרהיט פון דער צעשטערנדיקער ווירקונג פון דער לופט. עס זיינען אַוועק פיל יאָרן — דער אַש האָט זיך איינגעלעגן, אויסגעטריקנט זיך און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיין — דעם אַזויגע־רופענעם וו א ו ל ק אַ נ י ש ן ט ו ף, וועלכער איז אַזוי פעסט, אַ ז א י י ז ן נ ע מ ט א י ם ק ו י ם.

צום באַדויערן שיטן זיך די קערפּערס פון די מענטשן, וואָס זיינען אומגעקומען אין פּאָמפּעע, פונאַנדער אין שטויב, ווי נאָר מע נעמט זיי אַרויס אויף דער פרייער לופט. אין מוזיי געפינען זיך די גיפּס־אָפּגוסן פון זיי. די לעצטע איז ניט שווער צו מאַכן, ווייל אין וואולקאַנישן טוף שטעלט זיך אָפּ אַ פאַרטיפונג מיט אַ גענויעם אָפּדרוק פון דעם קערפּער, וועלכער איז דאָרטן געלעגן.

אָנפּילנדיק די פּאַרטיפונג מיט גיפּס, באַקומט מען אַן אָפּגוס פון קערפּער. די אַפּגוסן זיינען אויף אַזויפיל דייטלעך אַפילו אין פּרטים — אַז זיי גיבן איבער אַפילו דעם אויסדרוק פון טויט־שרעק, וועלכער איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף די פּנימער פון די אומגעקומענע מענטשן.

צעשטערנדיק די אַמאָליקע שטעט, — האָט דער פייערשפּייענדיקער באַרג געלאָזן אַזוי ווי אַ מוסר־השכל די שפּעטערדיקע דורות און האָט זאָרגעוודיק באַהאַלטן אין זיין אַש די איבערגעבליבענע רעשטן, און די אויסגעגראָבענע שטאָט גיט אונז איצטער אַ קלאָרן בילד פון אַמאָליקן לעבן.





קאטאלאג פון „נייע יידישע פאלקסשול" פארלאג, ווילנע, סטעפאן גאס 24, ה. 23.

3

לערנביכער.

רעכנביכער פון ש. [illegible]

1. אילוסטרירטער ארימעטישער רעכנבוך פארן 1-טן לערניאר.
2. ארימעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט)
3. ארימעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט)
4. ארימעטישער רעכנבוך (גאנצע צאלן)
5. ארימעטישער רעכנבוך (ברוכצאלן)

לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באסטאמסקי און נ. חיימסאן.

6. לעבעדיקע קלאנגען. א. ב.
7. לעבעדיקע קלאנגען — כרעסטאמאטיע פארן 1-טן לערניאר.
8. לעבעדיקע קלאנגען — כרעסטאמאטיע פארן 2-טן לערניאר.
9. לעבעדיקע קלאנגען — כרעסטאמאטיע פארן 3-טן לערניאר.
10. דאס נייע ווארט — כרעסטאמאטיע פאר די עלטערע קינדער.

ביבליאטעק פאר יונגערע קינדער:

פון [illegible]

1. [illegible]
2. [illegible]
3. [illegible]
4. [illegible]
5. [illegible]
6. [illegible]
7. [illegible]
8. [illegible]
9. [illegible]
10. [illegible]
11. [illegible]
12. [illegible]
13. [illegible]
14. [illegible]
15. [illegible]

16. [illegible] — (פון דעם לעבן פון די קוילנגרעבער)
17. דער [illegible] — (א מעשהלע).
18. די נאשערקע —
19. מעשהלעך פון עזאפ 1 העפט.
20. — 2 —
21. — 3 —
22. דער פארשלאפענער האזן — (יידישע פאלקסמעשה).
23. צוויי יתומים — (פאלקסמעשהלע פאר קלענערע קינדער).
24. לעגענדעס פון אמאל — (אלעקסאנדער מוקדן אין די פרויען, דער משפט, דער גרויסער חכם סאלאמאן). . . . .
25. דאס גרויסע הארץ (מעשהלע)
26. דאס [illegible] — (מעשהלע).
27. דער קיניג אין דער צוריק — (יידישע פאלקסמעשה).
28. מעשהלעך אין לידער [illegible] פון [illegible]
31. [illegible] דער [illegible] — 3, 2, 1 (זאמלונגען פון רעטענישן, [illegible])
32. [illegible] (פאלקסמעשה).

ביבליאטעק פאר עלטערע קינדער: פון ש. באסטאמסקי

1. [illegible]
2. [illegible]
3. [illegible]
4. [illegible]
5. [illegible]
6. [illegible]
7. [illegible]
8. [illegible]
9. [illegible]
10. [illegible]
11. [illegible]
12. [illegible]
13. [illegible]
14. [illegible]
15. [illegible]

שווארצע נעגערס אין א[illegible] ביאגראפיעס פון די קעמפער פאר זייער באפרייונג: [illegible] פארקער, ביטשער סטאו, אייבראהאם לינקאלן, [illegible] א. אנד. (אילוסטרירט)

16. מרדכי אנטאקאלסקי — ביאגראפיע פון דעם גרויסן יידישן סקולפטאר. רייך אילוסטרירט מיט די וויכטיקסטע בילדער פון זיינע ווערק. . . . .
17. די שרייען — פון דער ספריע [illegible] און לענדער . . .
18. די בעסט אמאל און היינט.
19. [illegible] און וואשינגטאן אין דער קאמף פאר דער אומאפהענגיקייט פון די שטאטן . . . .
20. בענזשאמין פראנקלין . . .
21. די קוילנגרעבער — פון עמיל זאלא.

מאטעריאלן צום יידישן פאלקלאר

געזאמלט און דערקלערט פון ש. באסטאמסקי.

1. יידישע פאלקסרעטענישן — 3-טע פארגרעסערטע אויפלאגע מיט א ביילאגע פון ה. אנ-סקי׳ס רעטענישן.
2. זאמלונג פון יידישע שפריכווערטער פאר שול און פאמיליע.
3. ביים קוואל 1-טער באנד — יידישע שפריכווערטער, [illegible], רעדנסארטן, פארגלייכענישן, ווינטשעוונגען, ברכות, שבועות, קללות, חרמות, כנויים, מגילות און זאבאבאנעס. . .
4. ביים קוואל 2-טער באנד — יידישע פאלקלידער . . . .

אויפן לאגער געפינען זיך:

1. ק. ס. [illegible] יידיש — א. חיימסאן. [illegible] ארבעטן אויף [illegible] און [illegible].
2. דאס לעבעדיקע ווארט — כרעסטאמאטיע פון ש. באסטאמסקי און ז. רייזען.

Katalog Wydawnictwa „Nowa Szkoła Żydowska"
Wilno, Stefańska 24 m. 28.